# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:24
מוצאי שב"ק....................5:56

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................. איוב כ"ח – כ"ט
בבלי.................. בבא קמא ס"ה
ירושלמי..................... שבת כ"ד
תוספתא........................ יומא ד'
רמב"ם......................... סוטה ד'

פרשת שמות, כ"ה טבת, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 14 (634)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף, עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ נֵייעֶר קֶענִיג אוֹיף מִצְרַיִם, וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט יוֹסֵף הַצַדִיק. דִי תּוֹרָה הוֹיבְּט דָא אָן דֶערְצֵיילְן דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לַיידְן אִין מִצְרַיִם, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הוֹיבְּט דִי תּוֹרָה אָן מִיט דֶעם אַז פַּרְעֹה הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט יוֹסֵף הַצַדִיק. פַּארְוָואס הוֹיבְּט מֶען אָן פּוּנְקְט מִיט דֶעם?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"א) **אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז אֱמוּנַת חֲכָמִים, צוּ גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים, אוּן צוּ גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן. וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אִין צַדִיק אוּן פָּאלְגְט וָואס עֶר זָאגְט, דַאן הָאט עֶר אַ קְלָארֶער מֹחַ מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, סֵיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין אוּן סֵיי מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם אִים, יֶעדֶער אוֹיף זַיין דַרְגָּא.**

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים י"ז, י"א) **"לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל"**, דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'הַאלְט זִיךְ בַּיים צַדִיק, מְ'נֶעמְט זַיינֶע לִימוּדִים אוּן מְ'לֶעבְּט דֶערְמִיט, דוּרְךְ דֶעם גֵייט מֶען אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מְ'רוּקְט זִיךְ נִישְׁט רֶעכְטְס אָדֶער לִינְקְס, מְ'וֵוייסְט דֶעם רִיכְטִיגְן מִיטְלְמֶעסִיגְן וֶועג, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן מַצָב. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אָבֶּער נִישְׁט צוּם צַדִיק, דַאן אִיז זַיין מֹחַ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ בִּיטֶער לֶעבְּן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק וָואס זָאל טַאקֶע פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין אַ פְלַאץ וואו מְ'וֶוערְט אָפְּגֶענַארְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח') אַז מְ'דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק, וָואס קֶען פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אִים מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים מַאכְן פַאר אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער אַ קַשְׁיָא, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק, אִיז דֶען נִישְׁט בֶּעסֶער צוּ גֵיין גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין? דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ גְלֵייבְּן אִין אַ צַדִיק? דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז אַ אִיד קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, נָאר דוּרְךְ אַ צַדִיק וָואס פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג. דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹיפִיל סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן דֶערְפַאר קֶען אַ מֶענְטְשׁ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ אַ צַדִיק.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַח), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ד, ל"א) **וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ**, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין זַיין קְנֶעכְט מֹשֶׁה, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִיק, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". וַוייל דַוְקָא נָאר דוּרְכְ'ן צַדִיק קֶען אַ אִיד צוּקוּמֶען צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אִין צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זָאגְט, וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אוּן אַלֵיין וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכ"ג).

דֶערְפַאר דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וִוי אַזוֹי סְ'הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, דִי צָרוֹת וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלִיטְן פוּן פַּרְעֹה אוּן דִי מִצְרִיִּים, אַז אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְ'ן **"אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף"**, מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם יוֹסֵף הַצַדִיק, מְ'הָאט אַזוֹי שְׁנֶעל פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע טוֹבוֹת וָואס יוֹסֵף הָאט גֶעטוּן פַאר מִצְרַיִם, וִוי פַּרְעֹה אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף יוֹסֵף (בְּרֵאשִׁית מ"א, ל"ט) **"אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ"**, פוּן דֶעם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.


<<<<<<


## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
## דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מְגַלֶה גֶעוֶועזְן אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט חַס וְשָׁלוֹם עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיבּ וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער


<<<<<<


## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי פַּרְשִׁיוֹת פוּן מִצְרַיִם זָאלְסְטוּ זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי פַּרְעֹה מִיט דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶע'הַרְגִ'עט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דִי אִידְן הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי זֶעלְבְּסְט הָאבְּן גֶע'הַרְגְ'ט אוּן גֶעשְׁלָאגְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּפְן שׁוֹמְרִים, חֲבֵרִים וְכוּ', וְכוּ'; מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, כג): "וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה, וַיִּזְעָקוּ, וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעהֶערְט אוּן גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק – מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; דָאס זָאלְסְטוּ אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשי"פ)

# א

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט, הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זַייט אַייךְ מְחַזֵק מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג): דֶערְוַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער אָדְלֶער, עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר פוּנֶעם טוּרֶעם אוּן גֶעזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט, הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת"; דֶער אָדְלֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף כִּבְיָכוֹל אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס קְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טוּרֶעם, דֶער טוּרֶעם דָאס אִיז דֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, י): "מִגְדַל עֹז שֵׁם ה' בּוֹ יָרוּץ צַדִיק וְנִשְׂגָב". אִינֶעם טוּרֶעם זֶענֶען גֶעזִיצְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּנֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם שִׁיף, וַוייל דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם צַדִיק זֶענֶען אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ זַאךְ אִין לֶעבְּן וָואס דָאס הָאט זֵיי גֶעמַאכְט מְקוֹרָב וֶוערְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק וֶוען מֶען אִיז בַּיי זִיךְ פוּל מִיט יֵשׁוּת וְגֵאוּת, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, נָאר וֶוער עֶס אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ - דֶער נֶעמְט אִין הַאנְט אַ סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל, נָאר דֶער שְׁפִּירְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע טַעַם פוּן קִרְבַת אֱלֹקִים.

דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם טוּרֶעם, בַּיים צַדִיק, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "הֶערְט אוֹיף צוּ זַיין אָרֶעמֶעלַייט", דֶער צַדִיק זָאגְט אוּנְז אִין נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאנוּצְן מִיט עֶנְקֶערֶע אוֹצְרוֹת"; אַ מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ אוֹצְרוֹת עֶר הָאט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת עֶר קֶען אַלֶץ זוֹכֶה זַיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, דֶער צַדִיק וֶועקְט אִים אוֹיף אוּן אִיז אִים מְעוֹרֵר: "הֵייבּ אָן נוּצְן דַיין מוֹיל, רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב; נֶעם אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא אוּן זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; ווִילַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַזֶעלְכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹצְרוֹת.

דָאס אַלֶעס אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִיק.

מִיר גֶעפוּנֶען, דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם, כָּל זְמַן יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעלֶעבְּט - אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין נִסְיוֹנוֹת. אַז מֶען הָאט אַ צַדִיק - אִיז מֶען עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, דֶער צַדִיק בְּלָאזְט אַרַיין חַיוּת, עֶר בְּלָאזְט אַרַיין הָאפֶענוּנְג; אֵיינְמָאל יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, "וַיָמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדוֹר הַהוּא (שְׁמוֹת א, ו)", - דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, אַלֶע צָרוֹת; אוּן אַזוֹי אִיז עַד הַיוֹם הַזֶה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק - הָאט עֶר כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק, נִישְׁט זַיין וִוי פַּרְעֹה, וָואס (רַשִׁ"י שָׁם, ח): "עָשָׂה עַצְמוֹ כְּאִלוּ לֹא יָדַע", - וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס בָּזֶה וּבַבָּא; מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי ר' לִיפָּא וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיף שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, בַּיי שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט אִים שׁוֹין דִי הוֹיט גֶעבְּרֶענְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין קֶענֶען פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה אַז עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר (תִּיקוּן ג' מֵהַתִּקוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ', ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ אָבֶּער פוּן דֶעם בַּאלֵיידִיגְט, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם?!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוּן אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין!" פוּן דֶעם זֶעט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן: 'אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיךְ בִּין אוּן אִיךְ וֵוייס גוּט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן פַאר מִיר, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אוּן וָואס אִיךְ בַּאקוּם נָאךְ יֶעצְט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיז אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל מִיךְ שְׁלָאגְן מִיט אַ דְרָאנְג וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אַזַא פְלַאץ'.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!**



עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס וִויל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען וִויל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ'ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן.

וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב".

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ

תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִּיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזּוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִּיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי׳ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מֶען הַאקְט דָאךְ אוּנְטֶער מִיט דֶעם זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע. עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי מוּט פוּן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל פַארְלִירְן דִי חֵשֶׁק צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וַוייל סֵיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן, קֶען עֶר אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם זוּכְן אַלֶע וֶועגְן צוּ שְׁטֶערְן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אוֹיף זִיךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז׳) אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם גֶע׳טַעֲנָה׳ט אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ זוּכְן. הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַארְ׳ן סַמַ״ךְ מֶ״ם אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן עֵצָה. דֶער סַמַ״ךְ מֶ״ם אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה...

אוּן דִי עֵצָה אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס, אַז מֶען וֶועט לַאכְן... מֶען וֶועט אוֹיסְלַאכְן דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ סְפָרִים, מֶען וֶועט חוֹזֵק מַאכְן דֶערְפוּן, אוּן דִי עֵצָה אַרְבֶּעט טַאקֶע זֵייעֶר גוּט... וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת׳דִיגְן בְּלִיק, זֶעט עֶר אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶ׳ אוּן מְחַזֵּק אַ אִיד אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאבְּן דֶעם כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא״שׂ פְּלֶעגְט זָאגְן אַז אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר ״מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ״ פַאר זַיין פָאטֶער. אוּן מוֹהֲרָא״שׂ הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם סֵפֶר אוּן גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן מִיט דֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי״ם טֶעג צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאךְ אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׂ חֵלֶק י׳ עֶרֶךְ הַפָּצָה
וְעֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תמ״ז)

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאכְ׳ן לַיידְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין רִיעֶל עֶסְטֶעיט, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַיינְצוּקוֹיפְן שְׁטָחִים אוּן בִּנְיָנִים אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט. דֶעם לֶעצְטְן זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח וָואס וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים אוּן צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מְ׳קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶערוֹיף קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר פוּן דֶעם, סְ׳אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אַרָאפְּצוּשְׁלִינְגֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א מִיר מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:): דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶּעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר רַב הוּנָא: ״לְעַיֵּן מַר בְּמִילֵּיהּ״, עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: ״מִי חֲשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ״, אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: ״וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דִּינָא״, אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן אוּמְזִיסְט אוֹיבּ עֶס קוּמְט נִישְׁט, הָאט רַב הוּנָא זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אִין אִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר צָאלְט נִישְׁט זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען, רַב הוּנָא הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט זֵיי גֶעבְּן וִויפִיל מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן קַיין גֶעלְט.

אַז דוּ הָאסְט שָׁאדְן וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִסִּים, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע שָׁאדְנְס, דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָוחִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שָׁאדְן וְכוּ׳ דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קפז): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): ״וּלְךָ ה׳ חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט וֶוען אַן עוֹנֶשׁ סְתָּם אַזוֹי וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוִויסְט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען דֶער עוֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה**
**אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# אידישע קינדער פרישן זיך אויף ווייטער צו מעביר סדרה זיין

מיט גרויס שמחה האט מען אויסגעשריגן פארגאנגענע וואך אין בית המדרש נאך קריאת התורה פון פרשת ויחי "חזק חזק ונתחזק" ווען מען האט זיך געפרייט מיט די גרויסע שמחה אז מען האט זוכה געווען צו ענדיגן דעם גאנצן ספר בראשית, ווען מען האט יעדע וואך געהאט די זכיה אריבער צו גיין שנים מקרא ואחד תרגום, און אסאך גאר מיט רש"י אדער אנדערע מפרשי התורה.

אין גאנצע אידישע וועלט רעדט מען אין די טעג און מען איז מעורר איבער די גרויסקייט פון מעביר סדרה זיין, ווי עס איז באקאנט אז "שמות" איז ראשי תיבות "שנים מקרא ואחד תרגום", אלע זענען מקבל אויף זיך פון יעצט אנצוהייבן נישט קיין חילוק וואס איז געווען, וועט מען פון יעצט אריבערגיין די גאנצע סדרה יעדע וואך בעז"ה.

אבער וויאזוי קען מען דאס באווייזן? אז מען טראכט צוריק האט מען פאריאר אויך זיך אונטערגענומען צו מעביר סדרה זיין יעדע וואך, מען איז געווען זיכער אז פון יעצט וועל איך עס באווייזן, אבער למעשה האט זיך עס ארויסגעשטעלט אז ערב שבת נאך חצות האט מען עס נישט באוויזן, מה דאך זומער מיט די לאנגע פרייטאגס איז מען קוים אנגעקומען מיט די נשמה אין די הענט צום זמן, אין די קורצע ווינטערדיגע ערבי שבתות מאן דכר שמיה. דערפאר קומט דער צדיק מוהרא"ש ז"ע און איז אונז מגלה א סעיף אין שלחן ערוך "מיום ראשון ואילך נקרא עם הציבור", מוהרא"ש פלעגט אלץ מאנען אז מען זאל זיך נישט פאפן אז מען וועט שוין מעביר סדרה זיין פרייטאג, נאך פון היינט זונטאג וועל איך לערנען חומש מיט תרגום פון אנפאנג ביז שני, מאנטאג וועל איך לערנען ביז שלישי און אזוי ווייטער, אזוי אז מען וועט זוכה זיין צו מעביר סדרה זיין, און געניסן פון די געוואלדיגע סגולות וואס דאס ברענגט ברוחניות ובגשמיות.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן "א וואך וואס מען איז נישט מעביר סדרה, וועט מען זען אז אין די קומענדיגע וואך וועט מען האבן א שאדן", צו א געלט שאדן, אדער א גרויסע בזיון אדער אנדערע עגמת נפש, און פארקערט מדה טובה מרובה, ווען א מענטש איז צוגעקלעבט צו די תורה, מען גייט דורך די סדרה וועט מען האבן אסאך השפעות טובות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען פאריגע וואך אין א בריוו איבער דעם ענין, שרייבענדיג: "לערן אביסל חומש מיטן תרגום יעדן טאג, די וואך ענדיגט מען ספר בראשית, מען שרייט אויס אלע אינאיינעם: "חזק חזק ונתחזק!" אז דו וועסט יעדן טאג לערנען חומש מיטן תרגום איינגעטיילט לויט די וואך - וועסטו זוכה זיין צו האבן א מוצלח'דיגע וואך; מוהרא"ש זאגט פון צדיקים: "לערנען חומש רש"י - ברענגט הצלחה".

אויך ביים ליל שישי שיעור פון פאריגע וואך האט דער ראש ישיבה ווידער גערעדט איבער דעם ענין, און געזאגט אז ביי תלמיד היכל הקודש איז די שמחה גאר גרויס אז מיר האבן געענדיגט חומש בראשית, אבער אין די וועלט איז עס נאך זייער שווער, דער סמ"ך מ"ם פארלייגט זיך דערויף מען זאל זיין נאכגעלאזט דערין, אבער מיר זענען זייער מכיר טוב פאר מוהרא"ש וואס האט אונז אויסגעלערנט א וועג וויאזוי מיר זאלן קענען באקומען דעם גרויסן מתנה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אין ישיבה איז געווען א גרויסע שמחה, מען האט זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ, "וואו אין דער וועלט איז נאך דא א ישיבה וואו יעדער איינער פון קליין ביז גרויס האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ספר בראשית שנים מקרא ואחד תרגום"? מוהרא"ש פלעגט זאגן שטעל אפ סיי וועלכע מענטש אויף די גאס און פרעג אים צו ער האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן איין מאל גאנץ חמשה חומשי תורה, זיכער וועסטו טרעפן יחידי סגולה וואס זענען זוכה, אבער סתם פשוטע מענטשן? דערפאר זענען מיר זייער פרייליך און מיר זענען מחזק אנדערע אידן זאל אויך טרייען דעם זיסן וועג.

**תורת ד׳ תמימה משיבת נפש!**

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה א׳, סִימָן ח׳), הַיינְט זָאגְט פַּרְעֹה "אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף", עֶר קֶען נִישְׁט יוֹסֵף הַצַּדִיק, אוּן מָארְגְן וֶועט עֶר זָאגְן "לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה׳", עֶר קֶען נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם. וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס, אָז אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָן גְלֵייבְּן אִין צַדִיק, קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה פוּן פַּרְעֹה גֶעוֶוען, הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם (סוֹטָה י"א.) "נִתְחַכֵּם לְמוֹשִׁיעָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער מַנְהִיג פוּן דִי אִידְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גוּט גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ וֶועלְן דִי אִידְן נִישְׁט הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק, וֶועלְן זֵיי קֶענֶען טְשֶׁעפֶּען דִי אִידְן, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן דִי אִידְן הָאבְּן אַ צַדִיק, וֶועט עֶר זֵיי סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִיק וָואס קֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁמוֹת תשע"א)

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק און עצות, שיעורים און דרשות; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל, א אינגל ביי בנו בכורו**

מו"ה **שלמה רוטה** שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שאול יצחק גאנץ** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב הלל פארקאש** הי"ו

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **נתנאל אייזנער** הי"ו

צו די שמחה פון זיין זון החתן **דניאל** הי"ו למזל טוב עב"ג

בת הר"ר **יואל וועבערמאן** שליט"א


## 101 מאל ש"ס?!

**יא! די קענסטו אויך זוכה זיין אנצוקומען צו דעם.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,1,4 ,10,1,50**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380